בס"ד

## מעשה שהי' כך הי'

אזוי ווי עס איז באוואוסט פאר יעדען איינעם די מכשולות פון די שחיטה, און עס פאלט די פראדוקציע פון פלייש טאג טעגליך, און איבערהויפט נאך דעם גרויסען טומעל וועגען ניקור החלב איז שרעקליך געפאלען דער פארלאנג פון פלייש, די בוטשערס וויינען, די שלאכט הייזער קלאגען, און זיי זעהען נישט קיין טרייסט, עס זאל קומען פון זיך אליין א צוריק אויפבלי אין די ביזנעס.

עס איז אפגעהאלטען געווארען א שטורעמדיגע אסיפה פון די אנשי המחנו"ס (מאכילי חלב נבילות וטריפות)!', איינער האט פארגעשלאגען אן ערשטקלאסיגען פלאן, אזוי ווי עס איז באוואוסט פאר יעדען אז די ישיבות וואס נעמען לאנטש פראגראמען גיבען איין אפאר מאל מער קינדער ויפיהל זיי האבען, און ווען עס קומט אראפ אן אינספעקטער וואס געוויינטליך מעלט ער זיך איין מיט אן א פוינטמענט, פירט מען זיך אז מען בארגט זיך פון אנדערע מוסדות קינדער (שמור לי ואשמור לך) און מען ברענגט די אייגענע פון איין פלאץ אופן צווייטען, אלס כדי אויסצופילען די נומערען, דער פראקטיק האט געוויזען ביז ווי לאנג ביז ווי לאנג די אינספעקטערס זענען געקומען מיט אן א פוינטמענט האט אלעס געקלאפט, אויסער אין די פעלער ווען די אינספעקטערס זענען געקומען אן אפוינטמענט האט דאס געברע-נגט פראבלעמען.

אזוי ווי מיר האבען ווי אין די מוסדות דעם זעלבען פראבלעם דארפען מיר זיך פון זיי אראפ-לערנען!!!

אפילו יעצט וואס די פראדוקציע איז שטארק געפאלען איז דער מאנשאפט נאך זייער וויינציג דארפען מיר אויסנוצען די עקספיריענס וואס מיר זעהן פון די מוסדות.

מיר האבען נישט דעם פראבלעם וואס די מוסדות האבען געהאט - אז די אינספעקטערס קענען אנקומען אן אן א פוינטמענט, - די אינספעקטערס ביי די מוסדות מוז מען דאך אריין לאזען! אבער ביי אונז איז דאך דער שליסעל ביי אונז און די האנד-ווילען מיר לאזען מיר אים אריין אז ניט איז נישט.

ע"כ האבען מיר אן אויסגעטרעטענעם וועג וואס צו טועהן.

אזוי ווי מיר האבען שוחטים און פארשידענע שלאכט הייזער גסות אין דקות ועופות און פארשידענע מיט ארבייטערס, דארפען מיר זיי צוזאמענברענגען אויף איין גרויסען שחיטה פלאץ אין ניו דזערסי אין מיר דארפען אויף די צייט ליידענען א פערזענטליכקייט פון די גאס,

פון צייט צו צייט וועלען מיר מאכען אזעלעכע אפוינטמענטס
וועלען מיר באקומען א גיטען נאמען אין
די גאס.

מיר דארפען זיך נישט אזוי שטארק אנשטרענגען ווי די מוסדות,
די מוסדות מוזען אויספילען די נומערען וואס זיי האבען איינגעגעבען.

מיר האבען אויסער דעם נאך אן עצה וואס די מוסדות האבען נישט,
מיר קענען רעדוצירען דעם טשעהן (אסעמבלי ליין)
וואס דאס קען שניידען די פראדוקציע אויף העלפט.

צוזאמען מיט די פארגרעסערטע מאנשאפט
וועט דאס מאכען זייער א גיטען איינדרוק

אין דאס וועט מיט די צייט זיין א גיטע פאבליק רילעישען אינוועסטמענט

עס איז אפגעשטימט געווארען צו מאכען א פרובע אויף דעם פלאן,
און מען האט באלד באשטעלט אויף אן א פוינטמענט אויף א באזוך
פאר א פערזענדליכקייט פון די אידישע גאס
מען האט באלד צוזאמען געקליבען
שוחטים פון אלע שלאכט הייזער
מען האט רעדוצירט די טעהן
(אסעמבלי ליין)

און עס האט געמאכט
דעם געוואונטשענעם איינדרוק.
די אנשי ה"מחנו"ס"
(מאכילי חלב נבילות וטריפות האבען איינגעשטימט
פארצייזעצען דעם פאבליק ריעלעשען קאמפיין.

מיט דאנק
"אנשי ה"מחנו"ס" איבער גאנץ אמעריקא"
פאלגט נאך אונזערע ווייטערדיגע מודעות